**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/27/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שרייבט אונטער א רייע געזעצן צו פארברייטערן שוץ מאסנאמען קעגן מענטשן האנדל אין ניו יארק סטעיט

***בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 האט ארייגערעכנט 2.3 מיליאן דאלאר וואס איז לעצטנס פארטיילט געווארן פאר מענטשן האנדל קורבנות סערוויס פראָוויידערס***

***אונטערגעשריבענע בילס S.4263/A.3227, S.5527/A.3720, S.6213/A.4264, S.6214/A.4265, S.5827/A.4586, S.4267/A.4669 באציהען זיך צו דאס פארשפרייטן אינפארמאציע איבער מענטשן האנדל קורבנות סערוויסעס אין טראנספארטאציע צענטערן אריבער די סטעיט***

***אונטערגעשריבענע ביל S.7451/A.7360 פארלענגערט די תקופה פון די 'איינהייט צווישן מערערע אגענטורן אויף מענטשן האנדל' פאר נאך פיר יאר***

***אונטערגעשריבענע ביל S.395/A.5505 פאראדנט די 'איינהייט צווישן מערערע אגענטורן אויף מענטשן האנדל' צו אויספארשן די קשר צווישן האנדל און סאָושעל מידיע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט ארייגעשריבן אין געזעץ א רייע בילס וועלכע פארברייטערן די ניו יארק סטעיט 'איינהייט צווישן מערערע אגענטורן אויף מענטשן האנדל' (Interagency Task Force on Human Trafficking) סיי מיט די צאל מיטגלידער אין די איינהייט און סיי אין די לענג פון די תקופה צו זיכער מאכן אז די ארבעט וואס די איינהייט טוט קען אנגיין אומגעשטערט. די גאווערנער האט אויך אונטערגעשריבן בילס וואס מאכן זיכער אז טראנספארטאציע צענטערן אריבער די סטעיט שטעלן ארויס אינפארמאציע וואס קען זיין נוצבאר פאר קורבנות פון מענטשן האנדל, גיבנדיג זיי אינפארמאציע איבער סערוויסעס וואס זענען דא צו באקומען. אין צוגאב האט גאווערנער האקול ארויסגעהויבן 2.3 מיליאן דאלאר וואס איז לעצטנס געשאנקען געווארן פאר קאנטראקטארס וועלכע שטעלן צו סערוויסעס פאר איבערלעבער און קורבנות פון מענטשן האנדל אריבער די סטעיט.

"מענטשן האנדל איז א קאשמאר וואס קומט זיך נישט פאר קיינעם אריבערצוגיין, אפילו איין קורבן איז צופיל", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך בין שטאלץ צו אונטערשרייבן די בילס צו באשיצן די טויזנטע מענטשן וועלכע פאלן אלס קורבן צו מענטשן האנדל, און איך וויל באדאנקען מיינע שותפים אין די לעגיסלאטור פאר זייער ארבעט ביים אריבערפירן די בילס ביזן ענדע."

**מענטשן האנדל סערוויסעס באקאנטשאפט**

פארברייטערנדיג אויף ניו יארק סטעיט'ס פארפליכטונג צו שטיצן און באשיצן קורבנות פון מענטשן האנדל, פארלאנגט די S.4263/A.3227 ביל פון פארט אויטאריטעט לופטפעלדער צו ארויסלייגן אינפארמאציע וואס קען זיין נוצבאר פאר מענטשן האנדל קורבנות אין צימערן וואס זענען צוגעשטעלט פאר מאמעס צו נוירסן בעיביס. נאך א ביל, S.5527/A.3720, פארלאנגט פון MTA איינריכטונגען צו

אויפהענגען שילדן מיט אינפארמאציע וואס קען זיין נוצבאר פאר קורבנות פון מענטשן האנדל. נאך א ביל, S.6213/A.4264, פארלאנגט פון פלעצער וואו טראקס שטעלן זיך אפ צו ארויסלייגן אינפארמאציע וואס קען זיין נוצבאר פאר קורבנות פון מענטשן האנדל אין צימערן וואס זענען צוגעשטעלט פאר מאמעס צו נויירסן בעיביס. נאך א ביל, S.6214/A.4265, פארלאנגט פון קאמערציעלע לופטפעלדער צו ארויסלייגן אינפארמאציע איבער מענטשן האנדל קורבנות סערוויסעס אין צימערן וואס זענען צוגעשטעלט פאר מאמעס צו נויירסן בעיביס. נאך א ביל, S.5827/A.4586, פארלאנגט פון סערוויס עיריעס לענגאויס די הייוועי וואס ווערן אויפגעהאלטן דורך די ניו יארק סטעיט טרו-וועי אויטאריטעט צו ארויסלייגן אינפארמאציע איבער סערוויסעס וועלכע זענען דא צו באקומען פאר מענטשן האנדל קורבנות אין צימערן וואס זענען צוגעשטעלט פאר מאמעס צו נויירסן בעיביס. נאך א ביל, S.4267/A.4669, פארלאנגט פון פארט אויטאריטעט באס טערמינאלן צו ארויסלייגן אינפארמאציע איבער סערוויסעס וועלכע זענען דא צו באקומען פאר מענטשן האנדל קורבנות אין צימערן וואס זענען צוגעשטעלט פאר מאמעס צו נויירסן בעיביס.

**אויסברייטערן 'איינהייט צווישן מערערע אגענטורן אויף מענטשן האנדל'**
אן אונטערגעשריבענע ביל, S.7451/A.7360, לייגט צו דעם ניו יארק סעקרעטערי אָוו סטעיט צו זיין צווישן די מיטגלידער פון די איינהייט צווישן מערערע אגענטורן אויף מענטשן האנדל. דערוויל זענען די סטעיט אגענטור מיטגלידער פון די איינהייט דער קאמישאנער פון די דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס; דער קאמישאנער פון די אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף (Office of Temporary and Disability Assistance, OTDA); דער קאמישאנער פון די העלט דעפארטמענט; דער קאמישאנער פון די אפיס פון גייסטישע געזונטהייט; דער קאמישאנער פון די לעיבאר דעפארטמענט; דער קאמישאנער פון די אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס (Office of Children and Family Services); דער קאמישאנער פון די אפיס פון אדיקשען סערוויסעס און שטיצע (Office of Addiction Services and Supports); דער דירעקטאר פון די אפיס פון קורבנות סערוויסעס (Office of Victim Services); דער עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון די אפיס פאר די פארמיידונג פון אביוז אינדערהיים (Office for the Prevention of Domestic Violence); און דער סופּערינטענדענט פון די ניו יארק סטעיט פאליציי.

די ביל פארלענגערט אויך די תקופה פון די איינהייט פאר נאך פיר יאר צו זיכער מאכן אז די ארבעט וואס ווערט געטוהן דורך די איינהייט צו פארמיידן, רעדוצירן און ארויסהעלפן קורבנות פון מענטשן האנדל זעצט פאר אומגעשטערט.

אונטערגעשריבענע ביל S.395/A.5505 פאראנדערט די 'איינהייט צווישן מערערע אגענטורן אויף מענטשן האנדל' צו אויספארשן די קשר צווישן האנדל און סאָושעל מידיע.

**סטעיט סענאטארשע ליע וועב האט געזאגט,** "אלס פארזיצערין פון די פרויען'ס אנגעלעגנהייטן קאמיטע אין די ניו יארק סטעיט סענאט, בין איך שטאלץ געווען צו ספּאנסאָרן די בילס צו ארויסהעלפן אינעם קאמף קעגן מענטשן האנדל. די ביל וועט זיכער מאכן אז אינפארמאציע איבער סערוויסעס פאר מענטשן האנדל קורבנות ווערט ארויסגעשטעלט אין פארנומענע לאקאציעס וועלכע קענען מעגליך זיין פלעצער וואו מענטשן הענדלער גייען אריבער מיט זייערע קורבנות, אריינרעכענענדיג אין צימערן וואס זענען צוגעשטעלט פאר מאמעס צו נויירסן בעיביס אין ניו יארק'ס קאמערציעלע לופטפעלדער און טראק אפשטעלונג פלעצער. עס איז גאר וויכטיג אז מיר זאלן ארבעטן צוזאמען צו אדרעסירן די אנגעלעגנהייטן פון מענטשן האנדל פאר עמפינדליכע ניו יארקער, זיכער מאכנדיג אז קורבנות קענען זיכערערהייט אנקומען צו הילף און טרעפן הילפס-מיטלען אן מורא האבן פון נקמה."

**סטעיט סענאטארשע קארדעל קלעיר האט געזאגט,** "די בילס מאכן צוזאמען פארשריט קעגן מענטשן האנדל דורכן אויספארשן די דיגיטאלע שורשים דערפון, ציהען אויפמערקזאמקייט איבער דעם און זיכער

מאכן אז וויכטיגע אינפארמאציע איז צוגענגליך וואו עס איז די מערסטע נויטיג. איך בין נישט בלויז שטאלץ – נאר עס איז מיר א גרויסע עהרע – צו האבן געשפילט א חלק ביים פאראויס שטופן די קריטישע מאסנאמען."

**סטעיט סענאטארשע ראקסען דזש. פערסאוד האט געזאגט,** "כדי צו פארמיידן און באקעמפן מענטשן האנדל פארלאנגט זיך א געמיינזאמע באמיאונג דורך פילע סטעיט אגענטורן, און די ביל וואס גאווערנער האקול שרייבט היינט אונטער גיבט א לענגערע אויטאריזירונג פאר די אגענטורן צו טוהן זייער קריטישע ארבעט. איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר איבערגעגעבנקייט צו די נושא, און איך קען נישטווארטן צו ברענגען נאך סטראטעגיעס צום טיש צו בעסער קאנפראנטירן פארברעכער וואס נוצן אויס מענטשן אין קאמיוניטיס אריבער אונזער גוואלדיגע סטעיט."

**אסעמבלי מיטגלידערין עימי פאולין האט געזאגט,** "עס זענען נישטא קיין סאך געלעגנהייטן פאר קורבנות וואס ווערן געהאנדלט פאר משפחה באציאונגען ווען זיי קענען זיין אין א פלאץ וואו זייער הענדלער זעהט זיי נישט. אפטמאל זענען בלויז עטליכע מאמענטן אין א פובליק בית הכסא אדער אין א צימער פאר מאמעס צו נוירסן בעיביס די איינציגסטע צייט ווען א קורבן וועט געלאזט ווערן אליין. די אינפארמאציע וואס זיי זעהען אין די זיכערע פלעצער קען מעגליך זיין די איינציגסטע געלעגנהייט וואס זיי האבן צו געוואויר ווערן איבער סערוויסעס וואס זענען דא צו באקומען פאר זיי. ניו יארק שטעלט אוועק א פרעצעדענט מיט די ביל דורכן אנקומען צו קורבנות וואו אימער זיי זענען און אריינלייגן די כלים אין זייערע הענט צו קענען פארלאזן א לעבן פון אויסגענוצט ווערן פאר משפחה באציאונגען."

**אסעמבלי מיטגלידערין לינדע ב. ראזענטאל האט געזאגט,** "מענטשן האנדל איז טרויעריג-בארימט פארן זיין א פארברעך וואס איז שווער צו אויפכאפן, און די אויפשטייג פון סאָושעל מידיע פלאטפארמעס און עפּס וואס טרעפן צוזאם מענער מיט פרויען זענען נאך א כלי פאר מענטשן הענדלער צו פארכאפן קורבנות. מיליאנען מענטשן אריבער די וועלט און טויזנטע ניו יארקער – מיט א גרויסע מערהייט פון זיי זייענדיג פרויען – פאלן א קורבן צו די שרעקליכע אינדוסטריע יעדעס יאר, ארויסהייבנדיג די וויכטיגקייט פון פארברייטערן די מיסיע פון ניו יארק'ס איינהייט צווישן מערערע אגענטורן אויף מענטשן האנדל. ניו יארק סטעיט איז די פערט-העכסטע אין די צאל מענטשן האנדל אינצידענטן, און די ביל וועט אונז העלפן פארשטיין די וועגן וויאזוי מענטשן הענדלער באנוצן זיך מיט אינטערנעט פלאטפארמעס, און עס וועט העלפן סטעיט אגענטורן פארשפרייטן באקאנטשאפט מיט וויאזוי מענטשן קענען זיך האלטן זיכער. איך באדאנק גאווערנער האקול פארן אריינשרייבן די וויכטיגע ביל אין געזעץ."

**אסעמבלי מיטגלידערין גרעיס לי האט געזאגט,** "ניו יארק'ס איינהייט צווישן מערערע אגענטורן אויף מענטשן האנדל דינט סיי צו פארמיידן מענטשן האנדל אין ניו יארק און סיי צו שטיצן איבערלעבער. דאס אונטערשרייבן די ביל היינט וועט פארשטערקערן די מעגליכקייט פון די איינהייט צו טוהן די קריטישע ארבעט. איך בין שטאלץ געווען צו שטיין אין שפיץ פונעם וועג צו ברענגען די ביל צו אריבערגעפירט ווערן אין די אסעמבלי, און איך באדאנק גאווערנער האקול, ספיקער היעסטי, מאיאריטעט פירערין סטוערט-קאזינס און מיינע קאלעגן אין די לעגיסלאטור פאר זייער שטיצע."

די אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף פירט אן דעם 'אפרופונג צו מענטשן האנדל פראגראם' (Response to Human Trafficking Program, RTHP) וואס שטיצט סערוויס פּראָווײדערס אריבער די סטעיט צו צושטעלן קעיס מענעדזשמענט און סערוויסעס פאר מענטשן וואס זענען פעסטגעשטעלט אלס קורבנות פון מענטשן האנדל. היינט שטיצט די RHTP 11 סערוויס פּראָווײדערס אריבער ניו יארק סטעיט. סערוויסעס רופן זיך אפ צו די אינדיווידואלע באדערפעענישן און ציהלן און קענען אריינרעכענען עמערדזשענסי סערוויסעס ווי שעלטער, טראנספארטאציע, עסנווארג הילף און צוטריט צו טעלעפאנען, מעדיצינישע סערוויסעס, קליידונג און אזוי ווייטער. פּראָווײדערס ארבעטן אויך מיט מענטשן האנדל איבערלעבער צו טרעפן און שטיצן זייערע לאנג-טערמיניגע ציהלן, צום ביישפיל מיט העלט קעיר און

גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס, באשעפטיגונג סערוויסעס און מיט די אריבערגאנג צו א הויז פאר די לענגערע טערמין.

דורך דעם RHTP איז 2.3 מיליאן דאלאר לעצטנס געשאנקען געווארן פאר די פאלגנדע פּראָווײַדערס אריבער די סטעיט דינענדיג איבערלעבער פון מענטשן האנדל:

| קאנטראקטאר | ראיאן | סומע |
|---|---|---|
| Safe Horizon, Inc. | NYC | $500,000.00 |
| Sanctuary for Families | NYC | $379,000.00 |
| Restore NYC | NYC | $319,500.00 |
| My Sister's Place, Inc. | וועסטשעסטער | $275,000.00 |
| Empowerment Collaborative of Long Island Inc. | סופאָלק | $200,000.00 |
| Catholic Charities of Long Island | נעסאו | $124,250.00 |
| International Institute of Buffalo | ערי | $167,208.00 |
| Safe Inc of Schenectady | סקענעקטעדי | $197,099.00 |
| People Against Trafficking Humans Incorporated | ערי | $49,581.00 |
| Unity House of Troy Inc. | רענסעליער | $113,000.00 |
| Safe Harbors of the Finger Lakes Inc. | אָנטאַריאו | $72,362.00 |

די דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס (Division of Criminal Justice Services, DCJS) ארבעט מיט געזעץ אינפארסירונג צו זיכער מאכן אז אלע רעקרוטן באקומען טרענירונג איבער מענטשן האנדל אלס טייל פון זייער בעיסיק טרענירונג. אין 2022 האבן בערך 2,500 רעקרוטן באקומען טרענירונג איבער מענטשן האנדל אלס טייל פון זייער בעיסיק קורס לעקציעס, אריינרעכענענדיג טרענירונג איבער וויאזוי צו מאכן א 'ריפערערל' פאר קורבנות צו פעסטגעשטעלט ווערן דורך ניו יארק סטעיט. זינט די אנהויב פון 2023 האט די DCJS – זיך דורכרעדנדיג מיט די OTDA – פעסטגעשטעלט 240 האנדל קורבנות אין ניו יארק סטעיט, פארבינדיג זיי מיט וויכטיגע סערוויסעס און מיטלען. די סטעיט האט פעסטגעשטעלט 249 מענטשן האנדל קורבנות אין 2022, און 295 אין 2021.

ווי עס איז שטייענדיג אום יולי 20, 2023, זענען גאסטגעבונג פלעצער אין ניו יארק סטעיט פארלאנגט צו גיבן טרענירונג איבער וויאזוי צו אויפכאפן און באריכטן מענטשן האנדל פאר אלע איינגעשטעלטע וועלכע זענען ווארשיינליך צו קומען אין בארירונג אדער רעדן מיט די געסט. די DCJS איז געשטאנען אין פארבינדונג מיט וויכטיגע שפילער אין די גאסטגעבונג אינדוסטריע – אריינרעכענענדיג Marriott, Hilton און די ניו יארק סטעיט גאסטגעבונג און טוריזם אסאָסיעישען – און זי האט געארבעט מיט אונזערע OTDA שותפים צו אויפקומען מיט אן ערשטיגע נוסח פאר די פאסיגע סטעיט טרענירונג מאטעריאלן.

די סטעיט מוניציפאלע פאליציי טרענירונג קאונסיל – וואו די איינגעשטעלטע קומען פון די DCJS – איז געפאדערט געווארן דורך דעם געזעץ צו אנטוויקלען און פארעפנטליכן א מענטשן האנדל מוסטער פאליסי וואס געזעץ אינפארסירונג קען נוצן אלס א ביישפיל פאר זייער אייגענע פאליסי. די פאליסי איז צום ערשט אנגענומען געווארן אין 2016 און איבערגעארבעט געווארן אין 2021.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן